STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00827

YIDISHER GRAMEN-LEKSIKON

Nahum Stutchkoff

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Donald H. Altman, M.D.
in memory of
Sydney & Lottie Altman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יידישער

גראַמען-לעקסיקאָן

(35,000 ווערטער)

צוזאַמענגעשטעלט
פון
נ. סטוטשקאָוו

פאַרלאַג „לעקסיק“
ניו יאָרק, 1931.

YIDDISH RHYMING LEXICON

Copyright, 1931
By
N. STUTCHKOFF

געזעצט און צעבלעטערט פון י. בוראַקאָוו

געדרוקט אין דער אַסטאָריאַ פּרעס
61 איסט 4טע גאַס, ניו יאָרק.
4

טאָוול פאַרפערטיקט פון די יוניטעד ענגרייווערס

פאָרוואָרט

אין זיינע זכרונות וועגן אליקום צונזער *), — נאָכדעם ווי ער איז פאַרטיג מיט די שבחים אויף זיין (צונזער'ס) חשבון, — דערציילט ש. ל. ציטראָן, אַז איינמאָל, אַריינקומענדיג צו צונזער'ן אין הויז, האָט ער ביי זיינעם (צונזער'ס) אַ יינגל דערזען אַ געשריבן ביכל אין האַנט. צופעליג האָט ער דאָס ביכל געעפנט, און צו זיין „ערשטוינען" דערזען, אַז דאָס ביכל אַנטהאַלט לאַנגע רשימות פון ווערטער, וועלכע גראַמען זיך איינער מיטן אַנדערן, ווי למשל: בטחון, צעקראָכן, אָנדערוואָכן א. א. וו. „פון דאַמאָלס אָן" —זאָגט ציטראָן — „איז אליקום אַראָפּגעפאַלן אין מיינע אויגן מיט צען שטאַפּלען נידעריגער ווי געוועזן." ער וועט עס אים אָבער חלילה נישט געבן צו מערקן. דאַרויף איז ציטראָן אַ מענש מיט טאַקט... אָבער ביי אַ געלעגנהייט קען ער זיך נישט איינהאַלטן און גיט אים (צונזער'ן) אַ יידישלאַכע „אָנצוהערעניש"...

— „איז אַ צייט אַרום," — דערציילט ווייטער ציטראָן, — „האָב איך ביי אַ געוויסער געלעגנהייט אַ פרעג געטאָן אליקום'ען, צי ס'איז טאַקע אמת וואָס מען זאָגט, אַז ס'זיינען דאָ אַזעלכע משוררים, וועלכע האָבן ביי זיך פאַרטיגע פאַרנאָטירטע רייםטערס מיט אַלערליי גראַמען?"

און... הערט און שטוינט! אַנשטאָט צונזער זאָל זיך אָנשטויסן וועגן וואָס דאָ גייט און ... רויט ווערן, ענטפערט ער אים גאָר:

— „גאַנץ געוויס! אַ משורר קען גאָר אָן אַזאַ רייםטער נישט אויס־קומען!"

— „כ'האָב מיט אים" — זאָגט ציטראָן — „נישט געוואָלט אַריינגיין אין קיין דיספוטן און אויפווייזן אים, ווי נישט ריכטיג און ווי לעכערלאַך דאָס איז: איך האָב אים נאָר געפרעגט: קענט איר מיר אויף טשיקאַווע אָנווייזן כאָטש איינעם פון אונזערע משוררים, וועלכער האָט זיך באַנוצט מיט אַזאַ רייםטער?"

— „אָך" — האָט אים אליקום געענטפערט — „איך ווייס אייך שוין אָן. אָט נעמט למשל דעם העברעאישן משורר דר. יצחק קאַמינער: כ'האָב ביי אים אַליין געזען אַ גאַנצן העפט מיט העברעאישע גראַמען, ווי: בם, עם, רם, שם א. א. וו. א. א. וו."

מיט וואָס דער געשפרעך האָט זיך געענדיגט, דערציילט נישט ציטראָן, נאָר מיר שטויסן זיך אָן, אַז מער האָט ער שוין אַפּנים דעם סוד (וועגן צונזער'ס גראַמען רייםטער) נישט געהאַלטן בלויז פאַר זיך אַליין... ווייל ווי

---

*) ש. ל. ציטראָן: דריי ליטעראַרישע דורות.

ער אַליין דערציילט, האָט עס שיר נישט געהאַלטן דערביי, אַז ער (ציטראָן) און זיין גרופּע זאָלן זיך צוליב דעם אָפּזאָגן פון דער יובילײ־פייערונג, וואָס איז גראָד צו יענער צייט געפּלאַנט געוואָרן פאַר צונזער׳ן. „איז מיינע אויגן" — זאָגט ציטראָן — „האָט עס שיר נישט אויסגעזען ווי אַ חילול הקודש."

צום באַדויערן (און אפשר צום גליק...), איז מיר ש. ל. ציטראָנ׳ס מעמוארן־בוך געקומען אונטער דער האַנט ערשט לעצטנס, ווען מיין „יידישער גראַמען־לעקסיקאָן" איז שוין געווען פאַרטיג צום דרוק. מעגלאַך, אַז ווען איך זע אים פריער, וואָלט ער אפשר ביי מיר אָפּגענומען דעם חשק פון צו פטר׳ן 5 יאָר צייט אויף צוזאַמענצושטעלן אַ „גראַמען־רייסטער", וואָס דאָס באַנוצן זיך מיט אים איז שיר נישט אַ „חילול הקודש"... אָבער, ווי געזאָגט, האָב איך דערפון נישט געוואוסט... איך האָב געזען, אַז ביי די אומות העולם זיינען דאָ אַזעלכע „גראַמען־רייסטערס" שוין הונדערטער יאָרן, אַז נישט קיין קלענערע אינסטיטוציע ווי די שפּאַנישע וויסנשאַפטלאַכע אַקאַדעמיע האָט אַרויסגעגעבן אַ שפּאַנישן גראַמען־לעקסיקאָן: האָב איך געטראַכט... אָבער וואָס איז דער חילוק וואָס איך האָב געטראַכט, אַבי דאָס „אומגליק" איז געשען. אָט ליגט פאַר אייך אַ „יידישער גראַמען־לעקסיקאָן" — און זאָל מען מיך שמייסן דערפאַר!...

דער קרעדיט פאַר האָבן געשאַפן דעם ערשטן גראַמען־לעקסיקאָן, קומט דעם איטאַליענער Pellegrino Moreto, וועלכער האָט אין יאָר 1528 אַרויס־געגעבן זיין Rimario di tutte le cadentie di Dante e Petrarca, און ווי אַ באַלוינונג פאַר זיין אַרבעט, האָט אים דער שיקזאַל באַשאָנקען מיט אַ פּאָעטיש־באַגאַבטער טאָכטער (אָלימפּיאַ פולוויאַ מאַראַטאַ). מיט דריי יאָר שפּעטער, האָט אַ צווייטער איטאַליענער Giammoria Lanfranco אַרויסגע־געבן זיין Rimario di tutte le concordanze di Petrarca. אָבער ביידע דער־מאָנטע ווערק זיינען פון אַ גאַנץ קליינעם פאַרנעם, ווייל אייגנטלאַך זיינען זיי נישט קיין גראַמען־לעקסיקאָנען, ווי מיר פאַרשטייען עס איצט, נאָר פּשוט׳ער: „זאַמלונגען" פון גראַמען, וואָס די פאַרפאַסערס האָבן צונויפ־געקליבן ביי צוויי דיכטער (דאַנטע און פּעטראַרקאָ). פון אַ גרעסערן פאַרנעם איז שוין דער Rimario פון Benedetto di Falco, וועלכער נעמט שוין אַרום די ווערק פון דאַנטע, פּעטראַרקאַ, אַריאָסטאָ, סאַנאַנזאַראָ, מאַקיאַוועלי און אַנדערע איטאַליענישע דיכטער. פון דאַן אָן באַווייזן זיך פון צייט צו צייט פאַרשיידענע לעקסיקאָנען, ווי די פון:

Onofrio Bononzio (1556), Girolamo Ruscelli (1559), Adeno Nisieli (1641), Tommaso Stigliani (1658) און אַנדערע, וועלכע באַציען זיך סיי אויף איינציגע קלאַסיקער, סיי אויף דער גאַנצער פּאָעטישער ליטעראַטור.

אין פֿראַנקרייך, איז דער ערשטער פֿאַרזוך פֿון אַ גראַמען־לעקסיקאָן געמאַכט געוואָרן פֿון Jean le Fèvre אין יאָר 1572. זיין Dictionnaire des rymes françoises איז שוין געווען אַ שריט פֿאָראויס, אין פֿאַרגלייך מיט די ווערק פֿון זיינע איטאַליענישע פֿאָרגענגער. זיין „גראַמען ווערטער־בוך" באַציט זיך שוין ניט אויף ווערק פֿון איינצלנע דיכטער, וועלכע האָבן צופֿעליג געברויכט דעם אָדער יענעם גראַם, נאָר אויף דער גאַנצער פֿראַנצויזישער שפּראַך. אַלע זיינע נאָכפֿאָלגער אויף דעם געביט זיינען שוין געגאַנגען אין זיינע פֿוס־טריט און זייערע ווערק געבויט אויף דעם זעלבן פּרינציפּ און קויט דער זעלבער מעטאָדע. צווישן זיי זיינען די באַדייטענדסטע:

Pierre le Gaynard מיט זיין Promptuaire d'unissons און Richelet מיט זיין Dictionnaire des rimes. רישעלע'ס בוך, וואָס איז דאָס ערשטע מאָל אַרויס אין יאָר 1667 און איז אין פֿאַרשיידענע צייטן פֿאַרמערט און פֿאַרבעסערט געוואָרן פֿון Berthelin, Wailly און Drevet האָט אויסגעהאַלטן איבער אַ טוץ אויפֿלאַגן און איז ביז דער לעצטער צייט געווען זייער פּאָפּולער אין פֿראַנקרייך. אָבער לעצטענס האָט אים Guinard מיט זיין Dictionnaire des rimes פֿאַרטריבן פֿון ביכער מאַרק. פֿון די אַנדערע ווערטער־ביכער וואָס זיינען אין פֿאַרשיידענע צייטן דערשינען אין דער פֿראַנצויזישער שפּראַך, זיינען ווערט דערמאָנט צו ווערן, די ווערק פֿון:

Dellanneau (1849), De la Madeleine (1852), Martinon (1910), Sommer (1915).

אין דער ענגלישער שפּראַך פֿאַרנעמט דעם אויבן־אָן אויף דעם געביט John Walker מיט זיין Rhyming Dictionary וואָס האָט געהאַט זיין ערשטע אויפֿלאַגע אין יאָר 1775. דאָס בוך (וואָס האַלט ביי טויזנט זייטן) האָט אָבער איין גרויסן חסרון, וואָס עס איז מ ע ר ווי אַ גראַמען־לעקסיקאָן. אין דעם בוך זיינען אַלע ווערטער פֿון דער ענגלישער שפּראַך קלאַסיפֿיצירט פֿון אונטן אַרויף (פֿון סוף צום אָנהויב), און ביז מען געפֿינט אַ גראַם קען פֿאַרגיין דער אַפּעטיט אים צו זוכן... אָבער נישט קוקנדיג אויף אַלע זיינע פֿעלערן, האָט ער איז משך פֿון איבער הונדערט יאָר אויסגעהאַלטן אַן אַ שיר אויפֿלאַגן און איז געווען איינער פֿון די פּאָפּולערסטע ווערטער־ביכער אין דער ענגלישער שפּראַך. לעצטנס אָבער, האָבן אַנדערע, מער צוגעפּאַסטע אויסגאַבן פֿאַרנומען זיין פּלאַץ. פֿון וועלכע די סאַמע וויכטיגסטע זיינען:
דער „גראַמען ווערטער־בוך" פֿון Brewer (אַ צוגאָב צו זיין Orthometrv);
English rhymes, by Weed-Barnum (1896); The Rhymster, by Thom. Hood (1929); The Rhymer's Lexicon, by Andrew Loring (1929); Aid to rhyme, by B. Redfield, און אַנדערע.

אין דער דייטשער שפּראַך האָט זיך דער ערשטער גראַמען־לעקסיקאָן

באַוויזן אַזוי פרי ווי אין יאָר 1504, אַרויסגעגעבן פון עראַזמוס אַלבער. גע־
טראָגן האָט דאָס בוך אַ כּפל־שמונה׳דיגן לאַטייניש נאָמען:
Novum dictionarii genus, in quo ultimis seu terminalibus...
א. א. וו. א. א. וו., און איז לויטן אינהאַלט געווען צו גלייכער צייט אַ דייטש־
לאַטייניש ווערטער־בוך, און דערפאַר פון זייער קליינעם נוצן. ערשט מיט
הונדערט יאָר שפּעטער, האָט פיליפּ פאָן צעזען אַרויסגעגעבן אַן ענלאַך ווערק,
מיט נישט קיין קלענערן דייטשישן נאָמען:
Anzeiger der deutschen gleichlautenden und einstimmigen männlichen und weiblichen Wörter.

און אויך געהאַט אַ קליינעם דערפאָלג. נישט קיין בעסער מזל האָט אויך
געהאַט זיין נאָכפאָלגער, יאָהאַן הויבנער, מיט זיין „פּאָעטישעס האַנד־בוך",
אַרויסגעגעבן אין יאָר 1696. ווייל איבערהויפּט איז אין יענער צייט דער
גראַם געווען ניט קיין שטאַרק־אָנגעלייגטער גאַסט אין דער דייטשער פּאָעזיע.
אַ אינטערעס צום גראַם אַנטשטייט ערשט אין 19־טן יאָרהונדערט. דאַן באַ־
ווייזט זיך שעפּער׳ס Hochdeutches Wörterbuch nach den Endsilben
און דאָס ריזיגע Verskunst und Reimlexicon פּערנאַר׳ס geordnet (1800).
ווערק (300,000 ווערטער) פון „פּערורגינאַס סינטאַקס" (1826). פון דאַן
אָן, דערשיינען פון צייט צו צייט פאַרשיידענע אַנדערע אויסגאַבן, פון
וועלכע עס איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען צוויי, מיט זייער פּרעטענציעזע
נעמען: „די קונסט צו ווערן אַ דיכטער" פון אָטאָ מילער, און „דאָס האַנד־
בוך פון דער פּאָעטישער קונסט" פון יונג. לעצטנס, איז אין „רעקלאַמס
אוניווערסאַל־ביבליאָטעק" דערשינען אַן אויסגאַבע פון ווילי סטעפּוטאַט,
אונטערן נאָמען: Deutsches Reimlexicon.

אַ גראַמען־לעקסיקאָן פון דער שפּאַנישער שפּראַך איז צו ערשט דער־
שינען אין יאָר 1628, דאַן ערשט אין 1867 אַ גרעסערע אויסגאַבע פון
Juan Landa אונטערן נאָמען Novissimo Diccionario de la Rima און די
איבערדערמאָנטע אויסגאַבע פון דער שפּאַנישער וויסנשאַפטלאַכער אַקאַדעמיע:
Diccionario de la Rima אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט דעם אַקאַדעמישן
ווערטער־בוך פון דער שפּאַנישער שפּראַך, אין יאָר 1883, און שפּעטער אין
אַ באַזונדער אויסגאַבע אין 1913.

צו איינציגע לעקסיקאָנען האָבען אויך:
די אונגאַרישע שפּראַך: Veg-tagokra szedetett Szo-tar אַרויסגעגעבן
אין 1810 פון Christoph Simais.
די שוועדישע שפּראַך: Svenskt rimlexikon
די רוסישע שפּראַך: „פּאָלני סלאָוואַר רוססקיך ריפם", אַרויסגעגעבן
אין יאָר 1912 פון נ. אַבראַמאָוו.

און אחרון אחרון חביב, אונזער אייגענע העברעאישע שפּראַך קען פאַר־צייכענען אויף איר חשבון צוויי עלטערע גראַמען־לעקסיקאָנען: דעם „שרשרת גברת פון שלמה די אוליווירה (אַמסטערדאַם, 1683), און דעם „יד חרוזים" פון גרשום בן משה חפץ (ווענעדיג, 1700).*)

ווי עס איז צו זען פון דעם קורצן איבערבליק, פאַרנעמט דער „גראַמען־לעקסיקאָן" אַ גאַנץ בכבוד'יגן פּלאַץ אין דעם ביכער־אוצר פון אַלע אייראָ־פּעאישע שפּראַכן. און אַז ער איז נישט קיין צופעליגע דערשיינונג, נאָר אַ געברויכבאַרער נוצלאַכער „אַרטיקל", אויף וועלכן ס'איז דאָ אַ „נאָכפראַגע", קען דינען דער פאַקט, וואָס טייל פון די דאָזיגע לעקסיקאָנען האָבן אויס־געהאַלטן אַזוי פיל ווי 25 אויפלאַגן און מער. פרעגט זיך: ווער באַנוצט זיך מיט זיי? עס זאָל הייסן, אַז דער „גראַמען־לעקסיקאָן" באַדינט הויפּטזאַכלאַך די אַזוי־גערופענע „גראַמען־פלעכטער", אַז דער „אמת'ער" דיכטער האָט פאַר אים קיין געברויך נישט. צי דאָס איז באמת אַזוי, דאָס ווייסט איין גאָט און... די דיכטער. ווי זאָגט דער פראַנצויזישער קונסט־קריטיקער דיובאָ: „וואָס איז נוגע דעם גראַם, קענען זיי (די דיכטער) אים גאַנץ לייכט בייקומען, מיט דער הילף פונם „גראַמען־לעקיסקאָן". ווייל — זיי מעגן זיך זאָגן וואָס זיי ווילן — זיי האָבן אַלע דעם דאָזיגן בוך אין זייער הינטערשטן קאַבינעט.**)

אָבער אַזוי צו אַזוי, זיכער איז, אַז די דיכטער וואָס באַנוצן זיך מיט אים, טוען עס בגנבה, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט מיט זייער טאַט... און די פראַגע איז: צי דאַרף דאָס באַנוצן זיך מיט אַ „גראַמען־לעקסיקאָן" (פון אַ דיכטער) באמת באַטראַכט ווערן פאַר אַ שאַנד, אָדער גאָר פאַר אַ „חילול הקודש". צי איז דאָס נישט מער ווי אַ פאָראורטייל וואָס שטאַמט פון איבער־טריבענער דיכטערישער „פרומקייט"?...

עס איז אמת, אַז די גרויסקייט פון דעם דיכטער באַשטייט נישט אין זיין פייאיקייט צו מאַכן גראַמען, נאָר ליגט הויפּטזאַכלאַך אין זיין וועלט־אַנשויאונג, אין זיין אינדיווידואַליטעט, אין זיין קינסטלערישער קראַפט. „אין דער פייאיקייט פון דעם אינטעלעקט זיך מיט באַזונדערער דייטלאַכקייט צו קענען אָפּגעבן אַ חשבון פון די אייגענע פאַרשטעלונגען און די זעלבע צו פאַרקערפּערן אין בילדער." ***)

אָבער כדי די דאָזיגע בילדער זאָלן ווי געהעריג איז קענען קומען צום

*) אגב, אַ פאַרענדיגטן כתב יד פון אַ העברעאישן גראַמען־לעקסיקאָן, פון גרעסערן פאַרנעם, אונטערן נאָמען „אוצר חרוזים", האָב איך לעצטנס געהאַט די געלעגנהייט צו זען ביי דעם העברעאישן שריפטשטעלער א. ד. אייזענשטיין.

**) Dubos. Reflexion sur la poesie et la peinture.

***) Paul Heinze. Deutsche Poetik.

אויסדרוק, איז קלאָר, אַז דער דיכטער דאַרף באַזיצן די נויטיגע „מאַטעריעלע“ מיטלען, אַז ער דאַרף האָבן אין זיין מאַכט דאָס „וואָרט“, דאָס איינציגע כּלי־זיין אין זיין קינסטלערישן אַרסענאַל. ווייל דאָס „וואָרט“ פאַרן דיכטער, איז פּונקט ווי פאַרן קאָמפּאָזיטאָר זיינע נאָטן, פאַרן מאָלער — זיין פאַרב און פּענזל, פאַרן סקולפּטאָר — זיין האַמער און שטיין. און פּונקט ווי דער דיכטער בכלל, דאַרף באַזיצן אַן אומגעהייערן זאַפּאַס פון ווערטער, מיט וועלכע ער זאָל זיין ביכולת איבערצוגעבן די קלענסטע קנייטשעלאַך פונם מענטשלאַכן געדאַנק און געפיל, אַזוי דאַרף דער דיכטער וואָס שאַפט אין גראַמען בפרט, צו דעם אַלעמען, נאָך האָבן די פייאיגקייט לייכט און אָן אָנשטרענגונג צו געפינען פאַר יעדן וואָרט זיין פּאַסיגן שכן, דעם גראַם, דעם „מוזיקאַלישן אַקצענט פון זיין דיכטערישער קאָמפּאָזיציע.“

אָבער איז דאָס נישט צופיל פאַרלאַנגט פון איין מענטשן?

מעג דאָך דער אַרכיטעקט האָבן אויף זיין שרייב־טיש אַ האַנד־בוך, אין וועלכן ער קען צו יעדער צייט נאָכקוקן אַ פאַרגעסענע מאַטעמאַטישע פאָר־מולע? פאַר וואָס זאָל דאָס דעם דיכטער נישט דערלויבט זיין? מוז עס דער דיכטער דורכאויס זיין אָנגעוויזן אויפן זכּרון? דער מענטשלאַכער מאָרד איז דאָך נישט קיין מאַשין, וואו די ווערטער ליגן אויסגעלייגט אין אַ סיסטעמאַטישער אָרדענונג. אַזוי, אַז דו דאַרפסט נאָר אַ קוועטש טאָן אַ קנעפּל און דאָס נויטיגע וואָרט פליט דיר גלייך אַנטקעגן! „דאָס וואָרט ליגט מיר אויפן צונג“ — הערט איר גאַנץ אָפט — „און איך קען עס נישט כאַפּן.“ איז דאָך דער דיכטער אויך נישט מער ווי אַ בשר ודם, פון פלייש און בלוט, קען זיך דאָך ביי אים אויך טרעפן אַזאַ פאַל, צו ניין? דענקט איר, אַז ס'איז בעסער, דער דיכטער זאָל ווי אַ צעדולטער אַרומלויפן איבער זיין קאַבינעט און קנייטשן דעם שטערן ביז ער וועט כאַפּן דאָס וואָרט, וואָס „ליגט אים אויפן צונג“, אָדער ס'איז בעסער ער זאָל עפענען דעם גראַמען־לעקסיקאָן און עס גלייך דערזען? מעג דאָך דער מאָלער, בעת ער טוט זיין „מלאכת הקודש“ האָבן לעבן זיך אַ פאַרטיגן אויסוואַל פון אַלערליי פאַרבן און פּענזלען. פאַרוואָס זאָל דאָס דעם דיכטער נישט דערלויבט זיין? דענקט איבּ נישט, אַז ס'וואָלט געוועזן געזינטער פאַרן דיכטער (און אויך פאַר זיין ווערק), אַז אַנשטאָט זיך צו פאַרנעמען מיט דער „טעכנישער“ נודנער מלאכה פון זוכן אַ גראַם, זאָל ער בעסער קאָנצענטרירן זיינע געדאַנקען אויף די מער וויכטיגע אויפגאַבן פון זיין קינסטלערישן שאַפן?

דאָס איז וועגן דעם גראַם גופא. היינט וואָס איז מכח דער טעכ־ניק פון גראַם?

„ס'איז פאַרדראָסלאַך דער חילוק וואָס מען מאַכט צווישן דער דיכטערי־שער מלאכה און אַנדערע שכנ'ישע אָדער ווייטע מלאכות.“ . . . „פאַר יעדן

איז (געווען) קלאָר, אַז דער מאָלער, דער אַרכיטעקטאָר, דער סקולפּטאָר דאַרפן זיין גוטע ספּעציאַליסטן, דאַרפן גוט וויסן די געזעצן לויט וועלכע ס׳ווערט פאָרמירט זייער קינסטלערישער שטאָף.״ *)

„שווין זשע איז דיכטערישע טעכניק פון פּאָעט אויף אַזוי פיל איינפאַכער, איידער די טעכנישע זייט פון מוזיק, מאָלעריי, סקולפּטור, אַרכיטעקטור?״ **)

און ווען מען רעדט וועגן דיכטערישער ט ע כ נ י ק, דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז דאָס מיינט מען, נישט נאָר די לערע וועגן פערז־מאָס, מעטער און ריטם, נאָר אויך די לערע וועגן ג ר אַ ם. און איז נישט אַ „גראַמען־לעקסיקאָן״ דער פּאַסיגסטער האַנד־בוך פאַר דעם דאָזיגן געגנשטאַנד? אין דעם „אַריינפיר״ צו דעם לעקסיקאָן וועלן מיר האָבן די געלעגנהייט צו זען אַז דאָס איז אַזוי.

— „מיט דעם „גראַמען־לעקסיקאָן״ אייערן וועט איר אַנפּלאָדזשען אַ וועלט מיט גראַפאָמאַנען,״ — הער איך ווי אַנדערע וויצלען זיך. די מטבעה האָט צוויי זייטן. מעגלאַך, אַז גראָד דער „גראַמען־לעקסיקאָן״ וועט ביי אַ סך אָפּנעמען דעם חשק צו „מאַכן לידער״, ווייל ס׳וועט ווערן אויס „קונץ״ און וועט פאַרלירן דעם רייץ פון „שאַפונג״. און אויב איך האָב אַ טעות, טרייסט איך זיך דערמיט, וואָס אַ דאַנק דעם „גראַמען־לעקסיקאָן״ וועלן כאָטש זייערע ג ר אַ מ ע ן זיין צו דערליידן...

און אין דער האָפענונג, אַז מיין בוך וועט ברענגען מער נוצן איידער שאָדן, גיב איך עס מיט אַ קלאַפּנדיג האַרץ איבער דער עפנטלאַכקייט.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך מיר דערלויבן אויסצודריקן אַ האַרציקן דאַנק צו מיינע פריינד פון דער טעאַטער־פּראָפעסיע און אַנדערע, וועלכע האָבן מיט זייערע „סובסקריפּשאָנס״ מעגלאַך געמאַכט דאָס דערשיינען פון דעם בוך.

און נאָך אַ גרויסן יישר כח דעם „בחור הזעצער״ פריינד י. בוראַקאָוו, וועלכער איז ביינעקומען אַלע טעכנישע שוועריקייטן מיט וועלכע דאָס אויפ־זעצן פון אַזאַ לעקסיקאָן איז פאַרבונדן און האָט געטאָן זיין אַרבעט מ ע ר ווי בשלמות.

ניו יאָרק, מאַי, 1931.

נ. סטוטשקאָוו.

*) ד. האָפּשטיין, פ. שאַמעס: „טעאָריע פון ליטעראַטור״.

**) וואַלערי בריוסאָוו, ציטירט פון דאָרטן.

אַרײַנפֿיר

דער ציל פֿון דעם אַרײַנפֿיר איז נישט צו געבן קיין אָפּהאַנדלונג, אָדער גאָר קיין טעאָריע וועגן ייִדישן גראַם*). נאָר אָנצואַווײַזן אויף אַלע זײַנע פֿאָרמעס און ספּעציפֿישקייטן (ווי זיי קומען פֿאָר אין די ווערק פֿון אונזערע דיכטער). וועלכע זײַנען גענומען געוואָרן אין באַטראַכט ביים צוזאַמענשטעלן פֿון דעם דאָזיגן לעקסיקאָן. ...

1. אויסוואַל פֿון ווערטער.

ווי פֿאַר יעדן זאַמלער, איז פֿאַר מיר די ערשטע פֿראַגע געשטאַנען, די פֿראַגע וועגן „אויסוואַל פֿון שטאָף". אין דעם פֿאַל: ווערטער. אַלזאָ, פֿון וואָס פֿאַר אַ ווערטער דאַרף אַ ייִדישער „גראַמען־לעקסיקאָן" באַשטיין? אַז די פֿראַגע איז נישט אַזוי פּשוט, ווי עס קען זיך לכתחילה אויסווײַזן, דאָס וועלן מיר באַלד זען. די פֿרעמד־שפּראַכיגע לעקסיקאָנען, וועלכע האָבן מיר אין אַנדערע פּרטים, טיילווײַז געדינט ווי וועג־ווײַזערס, האָבן מיר אויף דער פֿראַגע קיין באַשטימטן ענטפֿער נישט געקענט געבן. ווײַל וויפֿיל לעקסיקאָנען, אַזוי פֿיל צוגאַנגען צו דער פֿראַגע. די גאָר אַלטע, ביי זיי איז „אַ רענדל אַ וואָרט": לויט זיי, דאַרף אַ „גראַמען־לעקסיקאָן" אַנטהאַלטן נאָר די סאַמע „געהויבנסטע" ווערטער, ווי: הימל, שטערן, טרויער, בענקשאַפֿט, טרוים א. א. וו. „שלאָפֿן", „עסן" וכדומה אַזעלכע „מגושמ'דיגע" ווערטער — חלילה! דאָס איז אַ פֿאַרשוועכונג געגן דער „געטלאַכער פּאָעזיע"... די שפּעטערדיגע, זײַנען שוין אַ ביסל מילדער און ווייניגער איבערקלייבעריש, אָבער קיין טאָלק קען מען ביי זיי אַלץ נישט דערגיין. וואָס ביי איינעם איז כשר, איז ביים צווייטן טריף, וואָס ביי איינעם איז שיין, איז ביים צווייטן מאוס. זאָגט איינער, אַז „אייגעננעמען" מעג מען אַרײַננעמען, קיין „טעכנישע" טערמינען נישט, קומט דער צווייטער און זאָגט פּונקט פֿאַרקערט. קורץ, איך האָב געזען אַז איך וועל מוזן שאַפֿן מײַן אייגענעם. ייִדישן צוגאַנג צו דער פֿראַגע. און נאָך אַ לאַנגן יישוב הדעת האָב איך באַשלאָסן, אַז אין ייִדישן גראַמען־לעקסיקאָן זאָלן אַרײַן אַלע ווערטער, וואָס זײַנען נאָר דרוקבאַר. נישט נאָר אַזעלכע „מגושמ'דיגע" ווערטער, ווי: „עסן" און „שלאָפֿן", נאָר אַפֿילו אַזעלכע

---

*) אויספֿירלאַך וועגן דער טעאָריע פֿון גראַם, זע: ד. האָפּשטיין, פּ. שאַמעס: „טעאָריע פֿון ליטעראַטור".

„מאוס'ע" ווערטער ווי: „פּלוי", „קנאַבל", „קראַצן" וכדומה... נישט נאָר „אייגענגנעמען" און טעכנישע טערמינען, נאָר אַפילו אַרכאַאיזמען, באַרבאַריז־מען, דיאַלעקטיזמען א. א. וו., א. א. וו. מיט איין וואָרט: אַלע ווערטער, וואָס ווערן געברויכט, וואָס זיינען אָדער וואָס קענען געברויכט ווערן אין יידיש. און געטאָן האָב איך עס, ערשטנס, צוליב דעם: „מי שמך לאיש שר ושופט". ווער בין איך, וואָס איך זאָל פּסק'ענען, וואָס ס'איז כשר און וואָס ס'איז טריף; און צווייטנס, ווייל דער באַגריף פון כשר און טריף, שיין און מאוס, הויך און נידעריג, בנוגע ווערטער, איז בכלל אַ ביסל אַ צוגעלעגענער...

„די סאָציאַלע נאַטור פון דער שפּראַך באַשטימט די שפּראַכלאַכע עס־טעטיק." . . . „אין יעדער דיכטונג, איז אין געוויסע עפּאָכעס פון איר אַנט־וויקלונג פאַראַן איינגעשטעלטע טראַדיציאָנעלע גראַם־פאָרמעס. אין יידיש, למשל, זיינען גאַנץ געווייגלאַך געווען אַזוינע גראַמען ווי: האָרץ־שמאַרץ, שטיין־ביין א. אַנד." . . . „די נייע יידישע דיכטונג איז געקומען מיט נייע טעמעס און שטימונגען. וואָס האָבן מיט זיך אויך געבראַכט נייע באַגריפן און פאָרשטעלונגען, וועלכע האָבן באַקומען זייער אויסדרוק אין אַ שלל נייע ווערטער, וואָרט־בילדונגען און וואָרט־אויסדרוקן. דאָס אַלץ האָט געמוזט זיך אויך אָפּשפּיגלען אויף דעם גראַם, סיי אויף זיין מאָרפאָלאָגישן בוי, סיי אויף זיין לעקסישן באַשטאַנד." *)

און אַז די נייע ווערטער זיינען נישט תמיד פון אַ „גע־הויבענעם" כאַראַקטער, דאָס קען מען זיך לייכט איבערצייגן, ווען מען מאַכט אַ שפּאַציר איבער דער נייער (דערהויפּט סאָוועטישער) יידישער דיכטונג.

וואָס איז נוגע די פרעמד ווערטער, די פּראָווינציאַליזמען א. א. וו., איז ערשטנס, זיינען זיי פאַר דער לייכטערער ליריק (וואָס אַ גראַמען־לעקסיקאָן דאַרף אויך איז זינען האָבן) ווי: הומאָריסטישע צייטונגס־לידער, געגראַמטע פעליעטאָנען, עפּיגראַמען, טעאַטער־לידער א. א. וו. — ממש אַן אוצר; און צווייטנס, קען זיך אַפילו די בעסערע דיכטונג טייל מאָל אָן זיי נישט באַגיין. איבערהויפּט, ווען איר טעמע איז שטייגער לעבן.

און אַלע שטופּן פונם פּושקאַרט פּעדלער
און אַלע סליאַדן פונם ניוס באָי טראָט
און גאָר די טרערן פונם גאַסן בעטלער
און גאָר די הייזעריגקייט פון „אַי קעש קלאָט".
ה. לייוויק.

און ווידער, הלואי מ'זאָל זיי נישט דאַרפן, שאַדן קענען זיי געווים נישט. דאָס זעלבע קען אויך געזאָגט ווערן בנוגע די העברעאיזמען, וועלכע

*) דאַרטן.

זיינען שוין אפשר איז אַ צ ו ־ גרויסער מאָס פּאַרטראַטן אין דעם לעקסיקאָן. און דערצו, האָב איך פּשוט נישט געהאַט דאָס האַרץ זיי אויסצולאָזן, אַט די ליבהאַרציגע ווערטער פון אונזערע טאַטעס און זיידעס... די צייט — האָב איך מיר געטראַכט, — שטויסט זיי ביסלאַכווייז אַרויס פון אונזער לעבן, זאָלן זיי כאָטש אין יידישע ווערטער־ביכער געפינען זייער תיקון...

אַ שוועריקייט איז נאָר אַנטשטאַנען, ווען ס'איז געקומען צו דער קלאַסיפיקאַציע פון די ג ר אַ מ ע ן ג ר ו פּ ע ס. עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז אין אַ' טייל גרופּעס ווערן די געברויכבאַרע ווערטער ממש דער־טרונקען אין דעם ים פון די ווייניג געברויכבאַרע, אַזוי, אַז מען זעט זיי גאָרנישט אַרויס. (וואָס דאָס איז לכל הדעות אַ גרויסער חסרון). אָבער נאָך פאַרשיידענע עקספּערימענטן, האָב איך צו דעם געפונען אַן אויסוועג. און דהיינו: די סאַמע (לויט מיין מיינונג) וויכטיגסטע ווערטער פון יעדער גראַמען גרופּע האָב איך אָפּגעגעבן דעם אויבן־אָן און זיי אויסגעשטעלט אין ווערטיקאַלער ליניע, מיט ג ר ע ס ע ר ע ר שריפט, און די ווייניגער וויכ־טיגע, ה י נ ט ע ר ז י י, אין האָריזאָנטאַלער ליניע, מיט ק ל ע נ ע ר ע ר שריפט, אַזוי, אַז די וויכטיגע ווערטער וואַרפן זיך גלייך אין די אויגן, בעת די איבעריגע דאַרף מען שוין זוכן.

אין דער זעלבער (קלענערער) שריפט קומען אויך די פאַרשיידענע גראַמאַ־טיקאַלישע בילדונגען, אידיאָמען, אַסאָנאַנסן, קאָמבינירטע גראַמען א. א. וו.

און כדי צו מאַכן דאָס בוך נ אָ ד קאָמפּאַקטער, האָב איך אַ געוויסע צאָל נישט זייער וויכטיגע גראַמען גרופּעס אויסגעטיילט באַזונדער און זיי געגעבן ווי אַן ה ו ס פ ה צום סוף פונם בוך.*)

אין אויסשטעלן די ווערטער, האָב איך זיך ביי קיין צו שטאַרק פּינקט־לאַכער סיסטעם נישט געהאַלטן (ווייל דאָס איז נישט איבעריג וויכטיג). אָבער מער ווייניגער קומען די ווערטער (לויט'ן אלף בית) אין דעם פאָלגענדיגן סדר: זאַד־ווערטער (סובסטאַנטיוון), אייגנשאַפטס־ווערטער, פירווערטער, אייגעננעמען א. א. וו., און גאָר צו לעצט צייט־ווערטער (ווערבן).

ה אָ מ אָ נ י מ ע ן, ד. ה. ווערטער, וועלכע האָבן איינע און די זעלבע ק ל אַ נ ג ע ן נאָר פאַרשיידענע ב אַ ט י י ט ן, ווי למשל: „באַק" (טייל פון פּנים) און איך „באַק" (ברויט): „מאָן" (פון אַ המן־טאַש) און איך „מאָן" (געלט), ווערן טיילמאָל, פון קלאָרקייט וועגן, איבערגע'חזר'ט. דאָס זעלבע איז אויך מיט די צייטווערטער, וועלכע ענדערן זיך אין באַטייט

*) אַזוי, אַז אויב איר געפינט נישט אַמאָל אַ וואָרט אינם הויפּט־טייל, ווערט נישט פאַרצווייפלט... זייט זיכער, אַז איר וועט עס געפינען אין דער ה ו ס פ ה. אָדער אין דער ר ש י מ ה פון די ווערטער וועלכע האָבן קיין גראַמען נישט (וואָס געפינט זיך צום סאַמע סוף פון דעם בוך).

אַ דאַנק די פאַרשיידענע פּ ר ע פ י ק ס ן, ווי למשל: ער „פאַסט“ (אַ תענית), און ער „פאַרפאַסט“ (אַ בוך): ער „שטיקט“ (אַ שטיקערײַ), און ער „דערשטיקט“ (אַ מענטשן).

סובסטאַנטיוון. וואָס האָבן צווייערליי מ ע ר־צ אָ ל סמנים, ווי: „גלאָקן“—„גלעקער“, „פלאַנען“—„פלענער“, „ציין“—„ציינער“, זיינען קלאַסיפי־צירט לויט ב י י ד ע סמנים.

2. די קלאַסיפיקאַציע.

די קלאַסיפיקאַציע־סיסטעם פון אַ גראַמען־לעקסיקאָן איז אַ גאַנץ אַנדערע, ווי די, פון אַ געוויינלעכן ווערטער־בוך. און אָט פאַר וואָס. מיר נעמען, למשל, דאָס וואָרט „שניי“. ווען מיר זוכן דאָס דאָזיגע וואָרט אין אַ ווערטער־בוך, הייסט עס אַז מיר זוכן דאָס וואָרט ג ו פ א, און נאָר ד אָ ס וואָרט, נישט קיין אַנדערס (ווייל מיר ווילן וויסן דעם טייטש פון „שניי“), און אַזוי ווי מיר ווייסן, אַז דאָס וואָרט („שניי“) פאַנגט זיך אָן מיט אַ שין (ש), איז פאַר אונדז קלאָר, אַז מיר דאַרפן עס זוכן ביי די שינ׳ס. אין אַ גראַמען־לעקסיקאָן אָבער, זוכן מיר נישט דאָס וואָרט ג ו פ א, פאַרקערט, דאָס וואָרט („שניי“) אינטערעסירט אונדז נישט (ווייל מיר האָבן עס שוין). וואָס מיר זוכן איז גראָד אַ נ ד ע ר ע ווערטער, וואָס זאָלן זיך גר אַ מ ע ן מיט דעם וואָרט „שניי“, אָדער בעסער געזאָגט, ווערטער וואָס זאָלן האָבן אַ ק ל אַ נ ג ע ן ע נ ל אַ כ ק י י ט צום וואָרט „שניי“. ובכן, הייסט עס, אַז מיר דאַרפן זוכן נישט דאָס וואָרט גופא, נאָר די קלאַנגען ענלאַכקייט, וואָס דאָס דאָזיגע וואָרט („שניי“) האָט מיט די אַנדערע ווערטער.

אין וואָס זשע באַשטייט די דאָזיגע ענלאַכקייט און ווי אַזוי זוכט מען זי? אָט ווי אַזוי.

מיר נעמען דאָס וואָרט „שניי“ און מיר זוכן צו דעם צו (פון זכרון) אַ פּאָר ענלאַכע ווערטער וואָס זאָלן זיך גראַמען דערמיט, ווי: „גיי“, „דריי“ „צוויי“, „שטיי“ א. א. וו., און מיר באַטראַכטן זיי. איז וואָס זעען מיר? מיר זעען, אַז זייער קלאַנגען ענלאַכקייט שטאַמט פון זייער ב ש ו ת פ ו ת׳־ד י ג ן ו ו אָ ק אַ ל ן ק ל אַ נ ג „יי“ (גיי, דריי, צוויי, שטיי). איצט נעמען מיר אַן אַנדער ווערטער־גרופּע, ווי: „ביורא“, „דנאָ“, „וויאָ“ א. א. וו., און מיר זעען ווידער דאָס אייגענע, אַז זייער קלאַנגען ענלאַכקייט שטאַמט פון זייער בשותפות׳דיגן וואָקאַלן קלאַנג „אָ“. דאָס זעלבע איז מיט די ווער־טער: „זי“, „פרי“ „בלי“, „צי“ א. א. וו. (בשותפות׳דיגער וואָקאַלער קלאַנג „י“). און דאָס פירט אונדז צו דעם געדאַנק, אַז די קלאַנגען ענלאַכקייט פון צוויי געגראַמטע ווערטער באַשטייט אין ז י י ע ר ב ש ו ת פ ו ת׳ד י ג ן ו ו אָ ק אַ ל ן ק ל אַ נ ג. און אַז אָט דעם וואָקאַלן קלאַנג דאַרפן מיר זוכן,

נ י ש ט די ווערטער, ד. ה., אַז אַ גראַם צום וואָרט „שניי" דאַרפֿן מיר זוכן נישט אין „ש", נאָר אין „ייַ", אַ גראַם צום וואָרט „דנאָ" דאַרפֿן מיר זוכן, נישט אין „ד" נאָר אין „אָ", אַ גראַם צום וואָרט „פרי" דאַרפֿן מיר זוכן נישט אין „פ" נאָר אין „י", א. א. וו. אין אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז אַ גראַם דאַרף מען זוכן נישט לויט דער ג ר אַ פ י ש ע ר (שרייב) סיס־טעם, נאָר לויט דער פֿ אָ נ ע ט י ש ע ר (וואָקאַלער) סיסטעם. און אַזוי ווי אין דער יידישער שפּראַך האָבן מיר אַכט וואָקאַלן, איז אונזער גראַמען־לעקסיקאָן איינגעטיילט אין אַ כ ט ו ו אָ ק אַ ל ע אָ פּ ט י י ל ו נ ג ע ן. און יעדעס וואָרט פֿון דער יידישער שפּראַך דאַרף געזוכט ווערן אין איינע פֿון די דאָזיקע אַכט אָפּטיילונגען.

כדי צו מאַכן עס נאָך קלערער, וועלן מיר נעמען די ווערטער: „באַן", „באָק", „בוד", „בוים", „ביז", „בייַז", בייַל" און „בער". ווי איר זעט, פֿאַנגען זיך אַלע ווערטער אָן מיט אַ „בית". אין אַ געוויינלעכן ווערטער־בוך וואָלטן מיר די אַלע ווערטער געפֿונען אין דער אָפּטיילונג פֿון אות „ב", אין אונזער גראַמען־ווערטער־בוך וועלן מיר די זעלבע ווערטער (אַ דאַנק זייערע פֿאַרשיידענע וואָקאַלע קלאַנגען) געפֿינען אין אַכט פֿאַרשיידענע אָפּטיילונגען. „באַן" אין אָפּטיילונג „אַ", „באָק" אין אָפּטיילונג „אָ", „בער" אין אָפּטיילונג „ע" א. א. וו.

איצט נעמען מיר אַזאַ וואָרט ווי: „דיפּלאָמאַט", און מיר פֿרעגן: דאָס וואָרט האָט דריי וואָקאַלע קלאַנגען: „י" „אָ", און „אַ". אין וועלכער אָפּטיילונג דאַרפֿן מיר עס זוכן? אין „י", „אָ", אָדער „אַ"? דער ענטפֿער איז: אין „אַ". דערפֿאַר, ווייל „אַ" איז דער אַ ק צ ע נ ט י ר ט ע ר ו ו אָ ק אַ ל פֿון דעם וואָרט. מיר זאָגן נישט די'פּלאָמאַט, מיר זאָגן אויך נישט דיפּלאָ'מאַט, נאָר מיר זאָגן דיפּלאָמאַ'ט. אין אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז אַ גראַמען־וואָרט דאַרף מען זוכן ל ו י ט ז י י ן אַ ק צ ע נ־ט י ר ט ן ו ו אָ ק אַ ל.

ווי אַזוי אָבער געפֿינט מען אַ וואָרט אין יעדער אָפּטיילונג באַזונדער? דערצו דאַרף מען שוין וויסן גענויער, וואָס ס'איז אַזוינס אַ ג ר אַ ם. אין קורצן, קען מען אַ גראַם דעפֿינירן אַזוי: אַ גראַם איז אַ קלאַנגען־ענלעכקייט פֿון צוויי (אָדער מערער) ווערטער, וועלכע זיינען א י ד ע נ ט י ש אין ז י י ע ר ע נ ד ו נ ג, אָנהויבנדיג פֿון דעם אַקצענטירטן וואָקאַל. למשל: „זאַט" און „פּאַטריאַרכאַט". שטרייכט אויס פֿון ביידע ווערטער אַלע אותיות ב י ז דעם אַקצענטירטן וואָקאַל, און ביידע וועלן האָבן די זעלבע ענדונג „אַט". טוט דאָס זעלבע מיט „זאַל" און „נאַציאָנאַל" און ביידע וועלן האָבן די זעלבע ענדונג „אַל". „קוויַט" און „טראָמפּייַט" — און ביידע וועלן האָבן די זעלבע ענדונג „ייַט". דערפֿון איז קלאָר, אַז אַ חוץ דעם אַקצענטירטן

וואָקאַל דאַרף מען אויך זוכן דעם ק אָ נ ס אָ נ אַ נ ט וואָס קומט נ אָ כ ן וואָקאַל (דעם „ט“, דעם „ל“ א. א. וו.). און דערפאַר איז יעדע וואָקאַלע אָפּטיילונג פון אונזער לעקסיקאָן נ אָ ד איינגעטיילט אין ג ר אַ מ ע ן־ ג ר ו פּ ע ס, וועלכע גייען ווי אין אַ געוויינלאַכן ווערטער־בוך לויטן אלף בית. אַב, אַבע, אַבל, אַג, אַד, אַוו א. א. וו. אָב, אָבע, אָבל, אָגל, אָד, אָוו א. א. וו. ווען איר זוכט למשל אַ גראַם צום וואָרט „קינד“, דאַרפט איר קודם כל אויפמישן די אָפּטיילונג „ִי“ און דאַן אָנהויבן זוכן: ִיב, ִיג, ִיד, ִיוו, א. א. וו., ביז איר קומט צו „ִיז“. אָבער „ִיז“ אַליין איז פאַר אייך ווייניג, ווייל אייער וואָרט האָט נאָכן „נ“ אַ „ד“ (קינד). איז זוכט זשע ווייטער: ִיז, ִינג, ִינגעז, ִינגער, ִינ ד. אָט ד אָ ס איז די גרופּע וועלכע איר דאַרפט. דאָ וועט איר געפינען אַלע ווערטער וועלכע ענדיגן זיך מיט „ִינד“, ווי: ווינד, זינד, רינד, בלינד א. א. וו. אָדער נעמען מיר דאָס וואָרט „סילועט“. דער אַקצענטירטער וואָקאַל פון דעם וואָרט איז „ע“, דער קאָנסאָנאַנט נאָכן וואָקאַל איז „ט“, צוזאַמען — „עט“. איז זוכט זשע: עב, עג, עד, עוו, ביז איר קומט צו „עט“. און אַזוי כסדר.

לויט זייער אַקצענט ווערן גראַמען געטיילט אין איינזילביגע, צוויי־זילביגע און דרייזילביגע.

א י י נ ז י ל ב י ג ע (אָדער מענלאַכע) גראַמען, הייסן די, וועלכע האָבן דעם אַקצענט אויף דער ל ע צ ט ע ר זילבע פונם וואָרט, ווי: באַן, אַ־קע־אַן׳, שאַר־לאַ־טאַן׳ א. א. וו.

צ ו ו י י ז י ל ב י ג ע (אָדער ווייבלאַכע) גראַמען, הייסן די, וועלכע האָבן דעם אַקצענט אויף דער פּ אָ ר ל ע צ ט ע ר זילבע פון דעם וואָרט, ווי: בלע׳־טער, גע׳־טער, ווע׳־טער א. א. וו.

ד ר י י ז י ל ב י ג ע (אָדער דאַקטילישע) גראַמען, הייסן די, וועלכע האָבן דעם אַקצענט אויף דער ד ר י ט ע ר זילבע פונם ס ו ף, ווי: ווי׳־גע־לע, שפּי׳־גע־לע, זינ׳־גענ־דיק, שפּרינ׳־גענ־דיק א. א. וו.*)

---

*) פאַר צווייזילביגע גראַמען ווערן אויך פאַררעכנט אַזעלכע גראַמען, ווי „הער איך־שווער איך“, „לויף נישט־קויף נישט“ (מיטן אַקצענט אויף „הער“ און „לויף“) א. א. וו. נישט קוקנדיג אויף דעם, וואָס די געגראַמטע ווערטער (הער־שווער, לויף־קויף) זיינען איינזילביגע, ווערן זיי דורך זייער אָרט אין דער שורה (אַ דאַנק די נישט־אַקצענטירטע ווערטער „איך“ און „נישט“) פאַר־וואַנדלט אין צווייזילביגע.

> און זיי בלייבן און זיי טאַנצן, רוהיג קיינער ש ט ע ר ט נ י ט
> ביז ער גיט אַ וואונק פון ערגעץ, און דער חתן ו ו ע ר ט נ י ט.
>
> מ. ראָזענפעלד.

אויפן זעלבן אופן ווערן אַזעלכע גראַמען, ווי: „ווויל איך ניט“־„פיל איך ניט“ א. א. וו. פאַררעכנט פאַר דרייזילביגע.

געזוכט ווערן די צוויי־ און דרייזילביגע גראַמען אויפן זעלבן אופן ווי די איינזילביגע. למשל: דאָס וואָרט „געדעכטער“ וועט איר געפינען אין דער אָפּטיילונג „ע“, גרופּע „עכטער“: „ווײַבער“ אין דער אָפּטיילונג „ײַ“, גרופּע „ײַבער“: „מײדעלע“ אין דער אָפּטיילונג „ײ“, גרופּע „ײדעלע“ א. א. וו.

העברייאישע ווערטער (וועלכע זיינען געדרוקט אין דעם לעקסיקאָן מיט זייער אָריגינעלער אָרטאָגראַפּיע) דאַרפן, ביים זוכן, זיך פאָרגעשטעלט ווערן ווי זיי וואָלטן געווען געשריבן לויט דער יידישער אָרטאָגראַפּיע (און אומ־באַדינגט לויטן ליטווישן דיאַלעקט). למשל: איר ווילט געפינען אַ גראַם צום וואָרט „נשמה“, דאַרפט איר זיך פאָרשטעלן אַז דאָס וואָרט איז גע־שריבן „נעשאָמע“ און איר וועט עס געפינען אין דער אָפּטיילונג „אָ“ גרופּע „אָמע“. סתירה (סטירע) — אָפּטיילונג „י“, גרופּע „ירע“, און אַזוי כסדר.

די קאָנסאָנאַנטן: ב—פּ, ג־ק, ד—ט, וו—ף, ז—ס ווערן ביים גראַמען זעלטן אונטערשיידט.*)

אַזוי גראַמט מען געוויינלאַד: „גראָב־קאָפּ“, „זיג־גליק“, „קינד־ווינט“ א. א. וו.

אַרויסגעפאַלן פון בוד איז מיר אין ש ו י ס
אַ זכר פון אַ יוגענד־טרוים — אַ טויטע ר ו י ז.
יהואָש.

אָבער אין גראַמען לעקסיקאָן זיינען זיי קלאַסיפיצירט אין באַזונדערע גרופּעס. (אַנדערש אין פאַלן, ווען יעדע, אָדער איינע פון די גרופּעס, האָבן ווייניג ווער־טער). דערביי אָבער ווערט ביי יעדער גרופּע אָנגעגעבן איר עקוויוואַלענט. למשל: „ינג“ (פגל. ינק), „עג“ (פגל. עק) א. א. וו. ווען אָבער נאָך די אויבנדערמאָנטע קאָנסאָנאַנטן קומט אַ „ט“, אָדער אַ „ק“, ווערן זיי כמעט תמיד צוזאַמענגעגאָסן. אַזוי, למשל, זיינען אין איין גרופּע „אָבט“ און „אַפּט“, „אָגט“ און „אָקט“. און אַזוי כסדר.

כדי צו שפּאָרן פּלאַץ, מייד איך אויס ווי ווייט מעגלאַך ווידערהאָלונגען פון ווערטער, וועלכע קענען געבילדעט ווערן (מיט דער הילף פון סופיקסן) פון ווערטער וועלכע געפינען זיך אין אַנדערע, שכנות'דיגע גרופּעס. למשל, אין דער גרופּע „אַטן“ גיב איך אָן נאָר די ג ר ו נ ד־ו ו ע ר ט ע ר וואָס האָבן די דאָזיגע ענדונג, ווי: משא ומתן, שאַלאָטן, מתחתן א. א. וו. מען וואָלט אָבער געקענט צו דער דאָזיגער גרופּע צוגעבן אַז אומגעהייערן צעטל

*) אָבער נאָר אין איינזילביגע גראַמען, ווי „גאָלד־געוואָלט“, „גלאָז־וואָס“ א. א. וו. אין צווייזילביגע, ווי: „ווײַזן־ווײַסן“, „לײַדן־לײַטן“ א. א. וו., ווערן זיי דייטלאַך אונטערשיידט, און אויב געגראַמט, הייסן זיי אַ ס אָ נ אַ נ ס ן.

פון ווערטער. וואָס געפינען זיך אין די גרופּעס „אַט" און „אַטע", ווען מען זאָל צו זיי נאָר צושטעלן דעם סופיקס „ן" (האַרמאַט...ן, מאַגנאַט...ן, דעם טאַטע...ן א. א. וו.). אָבער דאָס וואָלט געהייסן, אַז דער לעקסיקאָן זאָל אַנשטאָט דריי הונדערט זייטן האָבן דריי טויזנט זייטן. דערפאַר גיב איך אָן הינטער דער גרופּע „אַטן" נאָר עטלאַכע ביישפּילן, ווי: האַרמאַט–ן, דעם טאַטע–ן א. א. וו און גיב צו אַ פאָרמולע: „גר. (גראַם) אַט, אַטע–ן", וואָס דאָס זאָל הייסן: „נעם אַלע ווערטער פון די גרופּעס „אַט" און „אַטע", לייג צו זיי צו אַ „ן" און דו ועסט באַקומען גראַמען צו „אַטן". און אַזוי כסדר.

3. פּינקטלאַכע און נישט-פּינקטלאַכע גראַמען.

לויט זייער קלאַנגען-באַשטאַנד ווערן גראַמען געטיילט אויף: פּינקטלאַכע און נישט-פּינקטלאַכע.

פּ י נ ק ט ל אַ כ ע גראַמען הייסן די, וועלכע האָבן: א) דעם זעלבן באַטאָנטן וואָקאַל: ב) די זעלבע אומבאַטאָנטע קלאַנגען נ אָ כ ן באַטאָנטן וואָקאַל, און ג) פאַרשיידענע קאָנסאָנאַנטן פ אַ ר ן באַטאָנטע וואָקאַל. ביי-שפּילן: „באַלד–וואַלד", „זאָרגן–מאָרגן", „שווימען–שטימען" א. א. וו.*)

פּ י נ ק ט ל אַ כ ע - ד ע פ ע ק ט י ו ו ע.

און ווען איך גיי אין וויסטן ט אָ ל
פון וויטן רופט צו מיר אַ ק ו ל. יהואָש.

פון אויבן-אויף דאַכט זיך — אַ פּינקטלאַכער גראַם (אָל–אָל), אָבער נאָר אויבן-אויף, ווייל — נאָר אין ש ר י פ ט. אין ק ל אַ נ ג האָט ער גאָר אַ גרויסן חסרון. בעת פאַרן ליטווישן יידן קלינגט ער זייער וואויל tol–kol קלינגט ער פאַרן פּוילישן (און וואָלינער) **) יידן שוין גאָר נישט אַזוי וואויל.

*) פאַר פּינקטלאַכע גראַמען רעכנט מען אויך די פאַלן, ווען ס'גראַמען זיך הילכיגע און דומפּע קאָנסאָנאַנטן, ווי: ב–פּ, ג–ק, ד–ט א. א. וו. (זע אויבן).

ווערטער וועלכע האָבן די זעלבע קאָנסאָנאַנטן פ אַ ר ן באַטאָנטן וואָקאַל, ווי: (ער) ווערט–געווערט, (איך) הער–פאַרהער, באַצירן–שפּאַצירן א. א. וו., הייסן ר י י כ ע גראַמען און זיינען נישט פון באַזונדערער קוואַליטעט. פון בעסערער קוואַליטעט זיינען שוין די, וועלכע האָבן פאַר די אַלצאַיינע קאָנסאָנאַנטן פ אַ ר ש י י ד ע נ ע קאָנסאָנאַנטן, ווי: פראָסט–פּראַסט, צווייג–שווייג, בלאַנק–שלאַנק א. א. וו. אין „גראַמען-לעקסיקאָן" האָב איך נישט געפונען פאַר נויטיג זיי באַזונדער צו גרופּירן, ווייל דאָס וואָלט געשטערט די מער-וויכטיגע גרופּירונגען.

**) צווישן דיביידע דיאַלעקטן (פּויליש און וואָליניש) איז אין גרונד דאָ אַזאַ קליינער אונטערשייד, בנוגע די וואָקאַלע קלאַנגען, אַז איך מאַך צווישן זיי קיין חילוק נישט און אומעטום וואו איך זאָג פּויליש, מיין איך אויך וואָליניש.

ווייל דער פּוילישער לייענט דאָס ערשטע וואָרט tul און דאָס צווייטע kol. און אַזוי ווי איז אַ גראַם שפּילט די הויפּט־ראָלע דער ק ל אַ נ ג (די מוזי־קאַלישקייט פונם פערז) און נישט דער א ו י ס ל י י ג פונם וואָרט*), און אַזוי ווי לעת עתה האָבן מיר נאָך נישט קיין איינהייטלאַכן דיאַלעקט (און ווער ווייסט צי מיר וועלן אים אַמאָל האָבן), קען אַזאַ גראַם ווי: „טאָל“–„קאָל“ מיט רעכט אָנגערופן ווערן אַ ד ע פ ע ק ט י ו ו ע ר.

איצט נעמען מיר צוויי אַנדערע שורות.

עס, פאַרגעסן וואָס אַ מ אָ ל...
תכריכים וועט געבן מיר ק ה ל.   י. ל. פּרץ.

דאַכט זיך, די זעלבע ענדונג „אָל“ (ווי ביי יהואש'ן), און זעט ווי קיינער פון די דיאַלעקטן איז נישט געקריווּדעט. סיי פאַרן פּוילישן און סיי פאַרן ליטווישן איז דער גראַם אַ וואויל־קלינגענדיגער. דער ליטווישער וועט איס לייענען amol–kol און דער פּוילישער amul–kul.

דער זעלבער דיאַלעקטישער אָפּנייג קומט פאָר נישט נאָר ביי ווערטער מיטן וואָקאַל „אָ“, נאָר אויך ביי ווערטער מיט די וואָקאַלן „ו“ „וי“ און „ע“.**)

צום ביישפּיל: גלות, דיספּוט, וואוט, מוט א. א. וו., לייענט סיי דער ליטווישער און סיי דער פּוילישער — u; בלוט, הוט, מינוט, גוט א. א. וו. לייענט דער ליטווישער — u און דער פּוילישער — i.

בוקעט, געשפּעט, מאַגנעט, סילועט, סקעלעט א. א. וו., לייענט סיי דער ליטווישער סיי דער פּוילישער — e; ברעט, געבעט, שפּעט, שטעט א. א. וו., לייענט דער ליטווישער — e און דער פּוילישער — ei.

מיט „וי“ איז פּונקט אַ פאַרקערטע שפּיל: קרויט, שרויט, בויד, מויד א. א. וו., לייענט סיי דער ליטווישער סיי דער פּוילישער — oi.)*** ברויט, טויט, נויט, רויט א. א. וו., לייענט דער פּוילישער ווי — oi און דער ליטווישער ווי — ei.

אַז די דאָזיגע דעפעקטיווע גראַמען רייסן טייל מאָל ממש דאָס אויער.

*) ווי אַ באַווייז קען דינען די ענגלישע שפּראַך, וואו אַזעלכע ווערטער ווי: girl, curl, pearl ווערן פאַררעכנט פאַר פּינקטלאַכע גראַמען, כאָטש זייער אויס־לייג איז פאַרשיידן.

**) איך וואָלט געקענט ברענגען אונצייליגע ביישפּילן פון דעפעקטיווע גראַמען מיט די אַלע אויסגערעכנטע וואָקאַלן, אָבער צוליב מאַנגל אין פּלאַץ, וועל איך זיך באַנוגענען בלויז מיט ווערטער־ביישפּילן..

***) דאָ גייט זיך דער פּוילישער און וואָלינער דיאַלעקט טיילווייז פאַנאַנדער. אין פּוילישן דיאַלעקט קלינגען די ווערטער מער ווי „אָו“ (krout–boud).

דאָס — גלויב איך — ווייסט יעדער, וואָס האָט נאָר אַמאָל בייגעוואוינט אַן עפנטלאַכן קאָנצערט, אָדער פאָרלעזונג. אָ ד ע ר דער זינגער (אָדער דעקלאַ־מאַטאָר) האַלט זיך די גאַנצע צייט ביי זיין דיאַלעקט און זינגט (אָדער לייענט) mụt (מוט) און git (גוט), אָדער ער טוט אייך אַ טובה, און פונקט צו דער שורה ווערט ער אַ ליטוואַק!... (וואָס דאָס קלינגט נ אָ ד ערגער).

און דער חסרון איז נאָך, וואָס נישט יעדער דיכטער קען זיך פאַנאַנדער־קלייבן אין דעם מיש־מאַש פון די דיאַלעקטן (ווען ער זאָל שוין אַפילו וועלן אויסמיידן אַזעלכע דעפעקטיווע גראַמען). און באמת, גיי ווייס, ווען דער פוילישער לייענט „אָ“ ווי — o און ווען ווי — u, אָדער ווען דער ליטווישער לייענט „וי“ ווי — oi און ווען ווי — ei.

מיטן גראַמען־לעקסיקאָן ביי דער האַנד, קענען אָבער אַזעלכע דעפעקטיווע גראַמען לייכט אויסגעמיטן ווערן. און אָט ווי אַזוי. ווען איר וועט עפענען דעם גראַמען־לעקסיקאָן, וועט איר זען, אַז אין די אָפּטיילונגען „אָ“, „ו“, „וי“. און „ע“ זיינען אַ טייל ווערטער באַצייכנט מיט שטערנדלאַך ביי די זייטן. און אָט די שטערנדלאַך קענען דינען ווי דיאַלעקטישע וועג־ווייזערס. זיי ציינגן, אַז אָט אין די דאָזיגע ווערטער (מיט די שטערנדלאַך) גייען זיך די דיאַלעקטן פאַנאַנדער און מ׳דאַרף זיי נישט גראַמען מיט די ווערטער אָ ן די שטערנדלאַך. ווי אַ ביישפּיל וועלן מיר נעמען די גרופּע:

אָ פ ן

אָפן
האָפן
אַנטלאָפן
געטראָפן א. א. וו.
*צפון
*שטראָפן
*שלאָפן א. א. וו.

איר קענט גראַמען „האָפן“ מיט „אַנטלאָפן“, „*שלאָפן“ מיט „*שטראָפן“: איר קענט אָבער נישט גראַמען (אויב איר ווילט זיין פּינקטלאַך) „האָפן“ מיט „*שטראָפן“, אָדער „אַנטלאָפן“ מיט „*צפון“, ווייל דאַמאָלס וועט איר האָבן אַ דעפעקטיוון גראַם. דאָס זעלבע איז מיט „ו“. איר קענט גראַמען „מוט“ מיט „גלוט“, „*בלוט“ מיט „*טוט“, איר קענט אָבער נישט גראַמען „מוט“ מיט „*בלוט“, אָדער „גלוט“ מיט „*טוט“. און אַזוי כסדר.

דער זעלבער סיסטעם איז אויך אָנגעהאַלטן געוואָרן לגבי די ווייניג־געברויכטע ווערטער, וואָס קומען הינטער יעדער גראַמען־גרופּע, אין קלענערער

שריפט. דער צייכן (0) באַטייט, אַז די ווערטער פון דער גרופּע קלינגען גלייך איןביידע דיאַלעקטן. דער צייכן (*) באַטייט, אַז אין ד י ווערטער גייען זיך די דיאַלעקטן פאַנאַנדער.

נ׳ י ש ט פ י נ ק ט ל אַ כ ע ג ר אַ מ ע ן. צו די נישט־פּינקטלאַכע גראַמען געהערן, קודם כּל, די ד י אַ ל ע ק ט י ש ע גראַמען, ווי: „געקומען־שטימען“. „טויט־גייט“ א. א. וו. אין קוואַליטעט זיינען זיי פּונקט אַזוי גוט (אָדער אַזוי שלעכט), ווי די פּינקטלאַכע־דעפעקטיווע. דער חילוק איז נאָר, וואָס ביי יענע ווערט מערסטנטיילס געקריוודעט דער פּוילישער דיאַלעקט און ביי די — דער ליטווישער.

די דיאַלעקטישע גראַמען פאַרנעמען אין אונזער דיכטונג אַזאַ בכבוד׳יגן פּלאַץ, אַז ווען מען זאָל וועלן ברענגען נאָר איין מוסטער פון יעדן דיכטער, וואָלט מען געקענט מיט זיי אָנפּילן אַ גאַנץ נישקשה׳דיג ביכל... דערפאַר וועל איך זיך באַנוגענען נאָר מיט איינעם אָדער צוויי מוסטערן פאַר יעדן פאַל באַזונדער (און נישט קלייבן, נאָר ווי זיי קומען מיר אונטער דער האַנט).

„אַ“ געגראַמט מיט „ײַ“. די דאָזיגע גראַמען באַגעגנט מען מערסטנס ביי די גאַליציאַנער. אָבער אויך די פּוילישע און וואָלינער זיינען נישט פריי דערפון.

. . . אויבן און אונטן איז ג ל י י ד.
ס׳גייען די דיעבֿעס אין בית דין של מעלה
גאַנץ זיכער אין רוסישער ש פּ ר אַ ד. י. ל. פּרץ.

„ײ“ געגראַמט מיט „ײַ“. דאָס איז ַ ספּעציפיש גאַליציאַנישער גראַם. וועלכן מען באַגעגנט אָבער זייער זעלטן.

צו וועלן שטערן פאַלן, צו וועלן שטערן ש ײַ נ ע ן,
צו ווען מיין האַרץ היינט לאַכן, צו וועט מיין האַרץ
היינט ו ו ײ נ ע ן. ש. י. אימבער.

„אָ“ (פּוילישער — u) געגראַמט מיט „ו“.

ווי פאָרשן זיי וואָלטן דעם וועג און די ש פּ ו ר,
אום דייטלאַך צו וויסן, אויב לויפן מען ט אָ ר. י. מעסטעל.

„ו“ געגראַמט מיט „ו“. דאָס איז דער סאַמע פאַרשפּרייטסטער גראַם, מיט וועלכן עס שווימלט ממש, סיי די אַלטע, סיי די נייע יידישע פּאָעזיע. ביי פּרצ׳ן, צום ביישפּיל, באַגעגנט מען דעם דאָזיגן גראַם, כּמעט אויף שריט און טריט.

זיי קוקן און שמייכלען גוטמוטיג ווי ק י נ ד ע ר,
קיין צייט איז צו פרעגן, פאַרגעסן דאָס ו ו אַ ו נ ד ע ר. י. ל. פּרץ.

אָדער:

און וויִט, וואו ביידע גרויסע א ו מ ו ת,
ערד און הימל זיינען זיך שוין נ מ א ס. — ל. קוויטקאָ.

על פּי שׂכל, האָט דער גראַם געדאַרפט זיין אַ ריין־פּוילישער, ווייל נאָר ביי די פּוילישע לייענט זיך דער „ו" ווי „י". אָבער אַפּנים, אַז ווען עס קומט צו אַ גראַם ווערן אָפּגעווישט אַלע גרענעצן. ווערט דער פּוילישער אַ ליטוואַק און דער ליטוואַק אַ פּוילישער.

אוי, צאַנק איך דאָ אין קלייזל
ווי אַ ליכטל שוואַך און ט ו נ ק ל,
ביז איך וועל אַזוי מיר אויסגיין
אין דער שטיל אין מזרח ו ו י נ ק ל. — א. רייזען.

„ע" (פּוילישער — ei) געגראַמט מיט „ײַ". דאָס איז אויך אַ ספּעציפיש פּוילישער גראַם, וואָס מען באַגעגנט גאַנץ אָפט.

. . . זוכן סטרונעלעך און סטרונעס פ ע ל ן
זיי רייסן בערג, די טעג — און ס'בלייבן ה ײַ ל ן. — ל. קוויטקאָ.

אָדער:

צו כ'האָב דיך ליב? דו מעגסט מיר ג ל ו י ב ן (ײַ)
צו דו ביסט מיר טייער? טייערער ווי מיין ל ע ב ן. — י. ל. פּרץ.

„יי" (ליטווישער — ei) געגראַמט מיט „ײַ". פאַר ד ע ם גראַם, קומט דער גאַנצער קרעדיט די ליטוואַקעס. מען באַגעגנט אים אַזוי אָפט, אַז טייל מאָל מאַכט עס דעם איינדרוק, אַז, אָדער זיי ק ע נ ע ן אַנדערש נישט גראַמען, אָדער זיי שפּילן זיך אָפּ אויף די פּוילישע פאַר זייער „ו"־„י"...

ניטאָ, אַך ניטאָ די אַמאָליגע ד ו ר ו ת
ניטאָ די נסיונות, ניטאָ די ע ב י ר ו ת. — א. ליעסין.

אָדער:

שפּרייט מיין אָוונט שטילן טרוים צ ו ש פּ ר ײַ ט ע ר
איצטער גליען בלוטיגער און ר ו י ט ע ר... — מאַני לייב.

נאָר, פאַרדאָן: זיי אומזיסט חושד געווען. איך האָב ביי ל. קוויטקאָ, דעם וואָלינער, אויך געפונען אַזאַ גראַם.

דער לעצטער „א י י נ ע ר"
אין נאַכט אַ ז ו י נ ע ר.

און צום לעצט נאָך אַ קוריאָז. דאָ איז דער דיכטער אין! א י י ן שורה

אַ פּוילישער און אין דער צווייטער אַ ליטוואַק. (וואָס טוט מען נישט צוליב אַ גראַם!)

> און אַז דער טרויער דויערט דאָ נאָר רגע׳ס
> איז אויף וואָס, אויף וועמען זיין ברוגז?... מ. כּאַשטשעוואַצקי.

די אַלע אויבנדערמאָנטע אויסצוגן זיינען געבראַכט געוואָרן מיטן איינציגן צוועק: צו באַווייזן, אַז די דיאַלעקטישע גראַמען זיינען נישט קיין צופעליגע דערשיינונג אין אונזער פּאָעטישער ליטעראַטור, נאָר אַז זיי באַלאַנגען צו די פּאָעטישע פּריוויהייטן (Poetic licenses) מיט וועלכע אונזערע דיכטער באַנוצן זיך זייער אָפט. און אַזוי ווי דער ציל פון אַ גראַמען־לעקסיקאָן איז צו העלפן דעם ווערסיפיקאַטאָר מיט וואָס עס איז נאָר מעגלאַך, האָב איך געפונען פאַר נויטיג אויך די דאָזיגע גראַמען איינצושליסן אין דעם גראַמען־לעקסיקאָן. און געטאָן האָב איך עס אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן לחלוטין נישט שטערן די גאַנצקייט און די פּינקטלאַכקייט פון דער קלאַסיפיקאַציע. און דהיינו: הינטער יעדער גראַמען־גרופּע גיב איך אָן (אין פּעטיט) איר דיאַלעקטישן עקוויוואַלענט אָט אויף אַזאַ אופן:

ינדער

בלינדער
גרינדער
זינדער
קינדער א. א. וו.

(פּ.) וואונדער, באַזונדער א. א. וו.

ד. ה., אַז אין אַ נויט קען זיך דער פּוילישער באַנוצן מיט די ווערטער אויף „ונדער“. דאָס זעלבע פאַרקערט:

וירע

*בורא
*בכורה
*מורא
*סחורה א. א. וו.

(ל.) ברירה, גזירה א. א. וו. (זע: ירע).

ד. ה., אַז אין אַ נויט קען זיך דער ליטוואַק באַנוצן מיט די ווערטער אויף „ירע“. אין דער אָפּטיילונג „י“ גיב איך אָן צוויי עקוויוואַלענטן, דעם פּוילישן און דעם ליטווישן:

־יטער

באַגלייטער
לייטער
ברייטער
גרייטער
צווייטער א. א. וו.

(פּ.) ברעטער, שפּעטער, פּאַרטרעטער א. א. וו.
(ל.) טויטער, רויטער, נוקם ונוטר א. א. וו.

ד. ה.. אַז דער פּוילישער קען גראַמען „באַגלייטער“ מיט — ברעטער, שפּעטער א. א. וו. און דער ליטווישער קען גראַמען „באַגלייטער“ מיט — טויטער, רויטער א. א. וו.

צו די נישט־פּינקטלאַכע גראַמען געהערן אויך: א) די פאַרשיידנ־אַקצענטיגע גראַמען. און ב) די אַסאַנאַנסן.

אַ פ אַ ר ש י י ד נ אַ ק צ ע נ ט י ג ע ר גראַם איז דער, ביי וועלכן דער אַקצענט אין יעדן פון די געגראַמטע ווערטער פאַלט אויף אַן אַ נ ד ע ר וואָקאַל. למשל: פּראַ'גע־ני'דערלאַגע, אַראָמאַ'ט־וואַר'שטאַט, געבראַ'כט־אויפ'געמאַכט א. א. וו.

און קומט אָן די נאַכט, מען דאַרף זיך א ו י ס ב ע ט ן *)
דאָן הייבט אָן די מוטער, דעם טויט אויף זיך ב ע ט ן. א. רייזען.

אין „גראַמען־לעקסיקאָן“ קומען די דאָזיגע פאַרשיידנאַקצענטיגע גראַמען צום סוף פון יעדער גראַמען־גרופּע אין קלענערער שריפט.

אַ ס אָ נ אַ נ ס ן. הייסן אַזעלכע גראַמען, וועלכע האָבן איינע און די זעלבע באַטאָנטע וואָקאַלן, אָבער ביי וועלכע די ענדונגען נ אָ כ ן באַטאָנטן וואָקאַל פאַלן זיך נישט צונויף. למשל: „איך־ליכט“, „ניגון־פליגל““ „נאַקן־וואָקל“ א. א. וו.

אַזעלכע אַסאָנאַנסן פלעגט מען באַגעגענען מערסטנטיילס אין פאָלקס־לידער:

אַלע וואַסערלאַך לויפן אַוועק
די גריבעלאַך בלייבן ל י י ד י ג.
אוי, וואו נעמט מען אַזאַ מענטשן,
וואָס זאָל פאַרשטיין מיין ו ו י י ט אָ ג!...

זעלטן אין דער פּאָעזיע:

---

*) מען זאָגט נישט אויסבע'טן, נאָר אויס'בעטן (אַ בעט).

זאָלן שווינדלען פאַר די אויגן,
פים און פּיאַטעס הויך און ש ט אַ ר ק!
פונקען זאָלן פון שטיינער שפּריצן,
אַנצינדן זאָל זיך דער מ אַ ר ד!...
ח. נ. ביאַליק.

אָבער „אין דער מאָדערנער יידישער דיכטונג, באַזונדערס אין דער דיכטונג פון ראַטן־פאַרבאַנד, האָט דער אַסאָנאַנס באַקומען די ברייטסטע אָנווענדונג, און מען טרעפט אים אין די פאַרשיידנסטע וואַריאַציעס. איז איינינע אַסאָנאַנסן איז די נישט־פינקטלאַכקייט קוים צו באַמערקן, פאַראַן אָבער אַזוינע שלום־קאָמבינאַציעס, וועלכע גיבן נאָר אַן אָנצוהערעניש אויף אַ גראַם, ווי למשל: „פאַרריגלט־ניגון“, „וויצן־פּלייצע“, „מונטערע־ווינטערן“, „דרייסטער־ווייסט ניט“ א. א. וו.“

זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז אַזעלכע „אָנצוהערענישן“ קענען נישט קלאַסי־פיצירט ווערן, און זיי ווערן דאָ דערמאָנט מער פון אינפאָרמאַציע וועגן. עס זיינען אָבער אויך פאַראַן אַזעלכע אַסאָנאַנסן, וועלכע פאַלן זיך נישט צונויף, בלויז אין זייערע א ו מ ב אַ ט אָ נ ט ע ו ו אָ ק אַ ל ן, ווי למשל: „מדינה־קאַסינאָ“, „גלאַטיק־סטאַטעק“ א. א. וו. ד י אַסאָנאַנסן זיינען אַריין אין דעם גראַמען־לעקסיקאָן און זיינען קלאַסיפיצירט געוואָרן אונטער זייערע קלאַנגען־ענלאַכע גראַמען־גרופּעס. אַזוי צום ביישפּיל, גייען אין דער גרופּע: „אַ נ ע“ אַריין אַזעלכע ווערטער, ווי: נירוואַנאַ, דיאַנאַ, פאַטאַ מאָרגאַנאַ א. א. וו. אין דער גרופּע: „ו י ל י ם“ — אַזעלכע ווערטער, ווי: עולם, גולם, חולם א. א. וו.

צו אַ באַזונדער קאַטעגאָריע געהערן די אַזוי־גערופענע קאָ מ ב י נ י ר ט ע (אָדער צוזאַמענגעזעצטע) גראַמען. דאָס זיינען גראַמען, וועלכע ווערן צונויפגעשטעלט פון צוויי (אָדער מערער) ווערטער, ווי למשל: „מלאך־פאַל איך“, „איצטער־קריצט ער“, „בעבעכעס־לעב איך עס“ א. א. וו.

אין דער עלטערער יידישער דיכטונג באַגעגנט מען אַזעלכע גראַמען זייער זעלטן, און די וואָס מען באַגעגנט, זיינען פון דער סאַמע איינפאַכסטער קאָנסטרוקציע.

ער וועט שיקן צוואַנציג ד אָ ל ע ר,
זיין פאָרטרעט דערצו,
און וועט נעמען, לעבן ז אָ ל ע ר,
אונז אַהינצו.
שלום עליכם.

אין דער לעצטער צייט אָבער, זיינען זיי שטאַרק אַריין אין דער מאָדע, און צייכענען זיך אויס מיט זייערע אויסטערלישע קאָמבינירונגען.

אַ מײַסטער אויף דעם געביט איז געווען ר׳ מרדכי׳ע (טשעמערינסקי), בײַ וועמען עס שווימלט ממש מיט די דאָזיקע גראַמען־קאָמבינאַציעס.

און גײ ל אַ ד א י ם,
דעם פּיפּיגן ב ן אָ ד ם...

אָדער:

אויסגעפּוצט זיך מ כ ת ר צ ח,
נאָר עס ב ע ט ז י ך א. א. וו.

אָבער לעצטנס, האָט אים פּרץ מאַרקיש (אים צו לאַנגע יאָר) ווײַט, ווײַט אַריבערגעיאָגט אין דער דאָזיקער קונסט. בײַ מאַרקיש׳ן זעט מען בחוש, ווי ער איז פֿאַרליבט אין די דאָזיקע קאָמבינאַציעס. נישטאָ אַ ליד, וואו ער זאָל זיך באַגיין אָן זיי. און ווי דערפינדעריש ער איז!

ווינטל, ווינטל, נאָר נישט ג ר אַ ז י ק,
זײַנען איצט די פּאַשע ע ר ט ע ר.
מיט מײַן האַרץ, ווי מיט אַ ב ל אַ ז זאַ ק,
אָטעם איך דאָ אויף זיי: ה ע ר ט א י ר?

אָדער:

כ׳בין שוין צוויי מאָל היינט ג ע ו ו ע ז ד אַ
און נאָך זײַן וועל איך אַ פּ אָ ר מ אָ ל.
— גיט זיך ווינטעלע אַ ו ו ע נ ד ע
— גיט זיך ריטשקעלע אַ מ ו ר מ ל...

באַזונדערס נוצלאָך (טייל מאָל אפילו אומפּאַרמיידלאָך) זײַנען אַזעלכע קאָמבינירטע גראַמען, בײַ ווערטער, וועלכע האָבן ווייניג, אָדער גאָר קיין גראַמען נישט. אָט למשל, איז צו „אַרבעט" נישטאָ קיין גראַם, און זעט ווי מאַרקיש גיט זיך אַן עצה:

נו, גענומען צו דער אַ ר ב ע ט,
ווער אין אויגן שוואַרצע פּ אָ ר ב ה אָ ט!

אין „גראַמען־לעקסיקאָן" פֿאַרנעמען די דאָזיקע קאָמבינירטע גראַמען אַ גאַנץ אָנזעעוודיק אָרט. נאָר אום אײַנצושפּאָרן פּלאַץ טו איך מיט זיי דאָס זעלבע, וואָס מיט די גראַמאַטיקאַלישע בילדונגען, דהיינו: צום סוף פֿון דער גראַמען־גרופּע גיב איך אָן עטלאַכע בײַשפּילן פֿון מעגלאַכע גראַמען־קאָמבינאַציעס און דערבײַ אַ פֿאָרמולע, ווי אַזוי זיי ווייטער צו בילדן. למשל:

י מ ע ם
צימעם
נמאס
בנעימות א. א. וו.

איך רים עס. איך פאַרשטשימע עס א. א. וו.
(גר. י ם. י מ ע - ע ס).

דאָס זאָל הייסן: נעם די ווערטער פון די גרופּעס „ים“ און „ימע“, לייג צו זיי צו דאָס וואָרט „עס“ און דו וועסט באַקומען גראַמען צו — „צימעם“, „נמאס“ א. א. וו. טייל מאָל באַנוגן איך זיך בלויז מיט אַ פאָרמולע, ווי למשל:

ו י כ ע ט
שוחט
שוחד
אויכעט א. א. וו.
(גר. ו י ד - ה אָ ט).

דאָס זאָל הייסן: נעם די ווערטער פון דער גרופּע „ויד“, לייג צו זיי צו דאָס וואָרט „האָט“, וועסטו באַקומען אַזעלכע קאָמבינאַציעס, ווי „בויד האָט“, „יויד האָט“, „רויד האָט“ א. א. וו.

